# Der Bayis

NY Real Estate & Home Economy

info@derbayis.com

TUESDAY, JULY 4, '17 - VOL. 2 NO. 33

בס"ד

# דער בית

ג' בלק תשע"ז | ארגאן פון ניו יארק ריעל עסטעיט און היים עקאנאמיע


| 30-15 YrFxMtg | 30-10 YrBnd | DJIA | Nasdaq | SP500 | Gold | Silver | Oil | US Construction | Unmpl. | CPI (May) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 4.06% 3.25% | 2.84% 2.32% | 21,478 | 6,150 | 2,432 | $1,225 | $16.01 | $45.41 (PPB) | $105B (in May) | 4.3% (May) | -0.1% |

## מה טובו אוהליך

ב"ה צוריק אין פולן שוואונג צו באריכטן וויכטיגע, אינטערעסאנטע, און פיקאנטע, נייעס פון ניו יארק ריעל עסטעיט און היים עקאנאמיע צו די חשובע טויזנטער ליינער שיחיו. ליינט און האט הנאה...!

*

אה, אונזער "ריעל עסטעיט" פרעזידענט מר. טראמפ יר"ה... ריעל עסטעיט איז שטענדיג פול מיט איבערראשונגען, און די אדמיניסטראציע איז נישט אנדערש. מיר פרובירן דאס צו דעקן ווען ס'גייט מיט האוזינג, ריעל עסטעיט, קאנסטראקשאן, אד"ג.

*

באקומט "דער בית" יעדע וואך דורך איינשרייבן אייער אימעיל צו signup@derbayis.com

## אינהאלט


היימישע געגנטער 5

העכערע פראצענט ראטעס 8

נייע אויפבלי אין דיטרויט 15

קורצע טאבלעטן 16-17

ריעל עסטעיט אין בילדער 20


# טשעיס, באפעט, אפטימיסטיש

## גרעסטע באנק, אינוועסטאר, וועטן אויף נ.י. ריעל עסטעיט

**ניו יארק. ביליאנער סעם זעל האט שוין איבער א יאר צוריק געווארנט מ'זאל כאפן און פארקויפן פאר'ן "באבל" אין ניו יארק ריעל עסטעיט, פאר א צייט לעצטנס האבן פרייזן פון גאר עליטע רעזידענשאל יוניטס גענומען טראסקען, און די רענט פרייזן אין וויליאמסבורג הייבן אן צו פאלן אין גרויסן.**

אבער אויב ס'האט זיך געקענט שאפן סיי וועלכע פעסימיזם אויפ'ן ניו יארקער מארקעט איז די וואך אנגעקומען א קאמבינאציע פון גרעסטן באנק אין




די שפאגל-נייע "ניו יארק ריעל עסטעיט אפיס" פון "בערקשייער העטעוועי" (קרעדיט: BHHS/NYP)

אמעריקע און דער גרעסטער אינוועסטירער, טשעיס און ווארען באפעט, מיט א גאר אפטימיסטישע שטעמפל קעגן סיי וועלכע פריערדיגע זארגן.

ווארען באפעט איז דער לעגענדארער אינוועסטאר וועמענ'ס פירמע "בערקשייער העטעוועי" פארמאגט צענדליגער קאמפאניס, פון אינשורענס ביז קליידונג, פעינט ביז בעטעריס און דזשולערי, קעטשאפ ביז פוירניטשער, שרייב-ארבייט ביז ציגל, און ער טוט אויך אביסל אין מארטגעדזשעס, קאנסטראקשאן, און בראוקערעדזש... ווי הייסט עס נאר, ער טוט אביסל אין "ריעל עסטעיט."

דעם יאנואר האט די קאמפאני'ס ריעל עסטעיט דיוויזיע, "בערקשייער העטעוועי האום סערוויסעס," גענומען אן ערנסטע באשלוס צו וואקסן אין ניו יארק סיטי. די פירמע'ס "אי. דאבעליו. עם." ריעל עסטעיט בראוקערעדזש איז אקטיוו אין פלארידא, און די פירמע איז אויך אביסל אקטיוו אין ארנאדזש קאונטי און נאך האדסאן וועלי געגנטער, ווי אויך

פארזעצונג אויף זייט 13

# אלבאני'ס "דאון פעימענט" אקאונט

## סטעיט סענאט און אסעמבלי באשטעטיגן "האום סעווינגס אקאונט" - אויפ'ן וועג צו גאווערנאר קאומא'ס טישל - פינאנץ אינדוסטרי'ס נייע טעכניקן צו העלפן דעקן "דאון פעימענט"

**קרית יואל. די שווערסטע זאך ביים קויפן א הויז איז, פארשטייט זיך, די "דאון פעימענט." אבער הילף איז אויפ'ן וועג, בעסער געזאגט, אויף פארשידענע וועגן.**

די גרעסטע דראמאטישע נייעס קומט פון אלבאני, וואו די סטעיט סענאט און אסעמבלי האבן באשטעטיגט די "האום סעווינגס אקאונט" געזעץ וואס ערלויבט אנצוזאמלען געלטער שטייער-פריי פאר'ן צוועק פון קויפן א הויז צום ערשטן מאל. דער געזעץ איז אויפ'ן וועג צו גאווערנאר קאומא'ס טישל, אבער עס איז נאך נישט קלאר צי ער וועט עס אונטערשרייבן.

נאך א גאר נייע סטראטעגיע אין דעם געביט איז צו קויפן א "שותפות" אין דאון פעימענט קאסטן. א

פארזעצונג אויף זייט 9

| לאנד | וואלוטע | וויפיל יענע וואלוטע פאר 1 דאלאר | וויפיל דאלאר פאר 1 פון יענע וואלוטע |
|---|---|---|---|
| קאנאדא | דאלאר | 1.29 | 0.77 |
| יאפאן | יען | 113 | 0.008 |
| אייראפע | יורא | 0.88 | 1.13 |
| רוסלאנד | רובל | 60.21 | 0.02 |
| שווייץ | פראנק | 0.96 | 1.03 |
| ענגלאנד | פונט | 0.77 | 1.29 |
| מדינת ישראל | שקל | 3.51 | 0.28 |

אויסלענדישע וואלוטע ראטעס - פון היינט דינסטאג


פאר 24-שעה אפדעיטס אויף פרייזן פון וואלוטע און זילבער-גאלד-מטבעות רופט "וועקסלער"

VAKSLER 718-852-GELT (4358)

# Insurance Workshop

## Your Comprhensive Guide to All Forms of Insurance

## Auto

Basic – Collision – Comprehensive – PIP – Rental – Travel

Plan___________________Policy ID_______________________Agent/Broker____________________________

Annual/Monthly Premium________________Deductible_____________________Exp./Renewal______________

## Home

Homeowners/Renters – Condo – Liability – Losses/Perils – Rare/Other Perils – Special Valuables – PMI

Plan___________________Policy ID_______________________Agent/Broker____________________________

Annual/Monthly Premium________________Deductible_____________________Exp./Renewal______________

## Business

Health/ACA - Unemployment - Workers Compensation - General Liability/Property – Professional Liability/Errors/ Omissions – Directors/Officers/EPLI – Builder/Construction – Umbrella

Plan___________________Policy ID_______________________Agent/Broker____________________________

Annual/Monthly Premium________________Deductible_____________________Exp./Renewal______________

## Health

Primary Doctor – Specialty - ER – Inpatient – Outpatient – Rehab – Therapy – Mental Health – Dental – Vision – In Network – Out of Network – Prescriptions – OTC – Prevention – Disability – Long Term Care – Out of State/Travel

Plan___________________Policy ID_______________________Agent/Broker____________________________

Annual/Monthly Premium________________Deductible_____________________Exp./Renewal______________

## Life

Life – Savings – Retirement – Disability – Long Term Care – Riders/Waivers – Estate Planning

Policy ID_______________________Coverage______________________Loan/s/Rate______________________

Annual/Monthly Premium________________Years to Pay________________Current Cash Value______________

A Joint Der Bayis / Mazal Media Production - © All Rights Reserved - Sponsored By: JB Brokerage

JB Brokerage Corp.

JB BROKERAGE
WILL SHOP FOR YOU

With JB Brokerage's exclusive 3D financial planning program, we review your financial situation and develop the perfect plan that will help you reach high gains at low risk.

**Already have a plan? Let us analyze it & use our vast shopping experience to propose a strategy for ten - fold improvement.**

- Life & Disability Insurance
- Long Term Care
- Estate Planning
- Premium Financing
- Structured Settlements
- Retirement Planning

JOEL BERGER
President
T 845.781.8195
F 877.797.9641
E joel@jbbroker.com
A 34 Satmar Dr. #303
Monroe NY 10950

PLANNING MEMORIES BEGINS WITH REMEMBERING WHO YOU ARE!

Over the past 3 years, we have successfully planned and executed hundreds of original events in a myriad of themes.



DART MEDIA 845 782 6558

DECO RIEL
PLANNING MEMORIES

CALL US TODAY TO PLAN YOURS

**YITZCHOK OLIEL** • 845 238 9955

PLANNING@DECORIELEVENTS.COM

# פרישע אנטיסעמיטישע אינצידענטן ביי האוזינג פראיעקטן אין מאנסי, לעיקוואוד

אנטיסעמיטישע אטאקעס און נאצי סימבאלן אויף אידישע הייזער אין ניו יארק איז נישט קיין נאווינע, אבער די לעצטיגע אויפשטייג פון אזעלכע אינצידענטן אין מאנסי, און ספעציעל אין לעיקוואוד, ווערט באצייכנט אלס שוידערליך און פרעצעדענטלאז.

אין לעיקוואוד, ניו דזשערסי, איז די לעצטיגע וואך-צייט אויפגעשטיגן א גאר העסליכע כוואליע פון אנטיסעמיטישע אטאקעס, אלס רעזולטאט פון גאר נעגאטיווע ארטיקלען דורך די לאקאלע פרעסע נאך לעגאלע פראבלעמען ביי עטליכע אידישע איינוואוינער.

די אלגעמיינע מידיע אין ניו דזשערסי ווערט געזען אלס א פלאטפארמע פון גאר בארבארישע אטאקעס קעגן ארטאדאקסישן אידענטום אין לעיקוואוד, און די לעגאלע פראבלעמען זענען גענוצט געווארן דורך יענע עלעמענטן נאך מער צו פארברייטערן די אטאקעס אויף א גאר שווערע פארנעם.

דורכאויס פרייטאג, שב"ק און זונטאג זענען ערשינען אנטיסעמיטישע פלוג-בלעטלעך אין און ארום לעיקוואוד. ראסיסטישע גרופעס האבן געהאנגען א "ווייסע פאן" אויף א לאקאלע ארטאדאקסישע שוהל, נוצנדיג דערביי וויסטע אנטיסעמיטישע לאזונגען. אנטיסעמיטן האבן אויך זייער מיאוס אנגעפירקלט א שפיל-פלאץ פאר קינדער אויף סעקאנד סטריט אין די היימישע געגנט.

באאמטע פון די לעיקוואוד פאליציי דעפארטמענט פארשן אויס די אינצידענטן און זאגן אז זיי וועלן "נישט טאלערירן" אזעלכע אנגריפן. די פאליציי ארבייט צוזאמען מיט סטעיט באאמטע און קאונטי פראקוראר צו כאפן און ארעסטירן די שולדיגע, זאגן באריכטן.

עס גייט שוין אזוי ווייט, אז א לאקאלער פארשוין האט "געקאט" א אידישן אמבולאנס אויפ'ן ראוד, און פארנדיג אין פארנט האט ער זיך גענומען פארן זייער שטאטלעך צו פייניגן דעם אמבולאנס דרייווער, באגלייט מיט אנטיסעמיטישע לאזונגען.

דער ניו דזשערסי סטעיט אטוירני דזשענעראל האט פארדאמט די אינצידענטן מיט זייער שארפע ווערטער, און דערביי אנגעבאטן $10,000 אלס באלוינונג פאר אינפארמאציע צו קענען כאפן די שולדיגע.

אין מאנסי ראיאן, וואו די היימישע האוזינג מארקעט בליעט און וואקסט כ"י אויף א גאר גרויסע פארנעם ווי לעיקוואוד, האט גלייכצייטיג געהאט א היבשע פאר אנטיסעמיטישע אינצידענטן לעצטנס.

אין נעניוועט האבן אנטיסעמיטן אויפגעשריבן די נאצי סימבאל מיט ספרעי פעינט ביי א הויז וואס א איד האט לעצטנס אפגעדינגען. ביי נאך אן אינצידענט נישט ווייט פון דארט, האבן אנטיסעמיטן אנגעפירקלט די נאצי סימבאל אויף א סיין "פאר סעיל - שוין פארקויפט." אין העווערסטראו, פאמאונע, ניו סיטי, זענען באריכטעט געווארן ענליכע אינצידענטן.

אין ביידע געגנטער הערשן אנגעצויגענע שטימונגען פון עלעמענטן וועלכע פרובירן צו שטערן די אנטוויקלונג פון היימישע האוזינג פראיעקטן, און דאס קומט צום אויסדרוק מיט אזעלכע אנטיסעמיטישע אטאקעס די טעג. כלל טוער און עסקנים האבן גענומען אינטענסיווע שריט אויף פיל ערליי וועגן צו רעדוצירן אזעלכע אינצידענטן און פארבעסערן די שטימונגען, האפענטליך מיט פאזיטיווע רעזולטאטן בס"ד. ■

# ערנסטע וואסער קריזיס אין קרית יואל נאך נעגאטיווע געריכט באשלוסן אויף קוועלער

אין די יעצטיגע ווארימע זומער טעג טרעפט זיך קרית יואל אין אן ערנסטע אומגעראכטענע וואסער קריזיס, אלס רעזולטאט פון א סעריע אנטוויקלונגען איבער קוואל-וואסער און די "עקוואדאקט פייפליין."

אין זעלטענע ערנסטע ווארענונגען פונעם ווילעדזש וואסער דעפארטמענט, ווערן די איינוואוינער געבעטן צו פארמיידן ליעקס, נישט פארנוצן קיין וואסער פאר סיי וועלכע איבעריגע צוועק, אויך נישט צו שווימען, און אוודאי נישט צו באוואסערן די גראז.

דער סטעיט אפעלאט געריכט האט פאריגע וואך אפגעווארפן די הארציגע פארלאנג פון קרית יואל צו לאזן עפענען א נייע קוואל אין "קארנוואל" וואס קען צושטעלן איבער 600 טויזנט גאלאן וואסער טעגליך פאר תושבי קרית יואל. דער קוואל האט געדארפט אריינגיין אין קראפט דעם מאנאט, נאכ'ן ווערן אויפגעבויט מיט שווערע מי ביים סטראטעגישן מיטל-פונקט פונעם "פייפליין" פראיעקט צווישן קרית יואל און די "עקוואדאקט" וואס פירט 1 ביליאן גאלאן טעגליך פון אפסטעיט רעזערווארן צו ניו יארק סיטי. לויט'ן געזעץ קענען אלע לאקאלע רעגירונגען לענגאויס די "עקוואדאקט" זיך אנטשעפן דערינען צו שעפן וואסער, און קרית יואל האט שוין געבויט האלב פונעם "פייפליין" דאס צו דערגרייכן. ארומיגע עלעמענטן האבן געקלאגט אין געריכט, און פארלוירן, אבער האבן באקומען א "סטעי" קעגן עפענען די קוואל ביז'ן אורטייל אין סעפטעמבער. דערווייל ברענגט די ווילעדזש אריין ריזיגע טרעילאר טאנקען מיט וואסער פאר טייער געלט, און מ'קען נישט ארייננעמען אין פילע נייע דירות אן די עפענונג פונעם קוואל. ■


בית השטרות

בהנהלת הרה"ג **אשר חיים ווייזער** שליט"א

ראב"ד ביד"צ דבר המשפט ומו"ץ בקהל יטב לב דסאטמאר ב.פ.

מיוחד לסדר כל מיני שטרות בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו

וגם לסדר ולפשר לבעלי דינים בסכסוכים עצהיו"ט

718.437.8779 - 845.537.0052

## לעצטיגע ריעל עסטעיט אנטוויקלונגען אין

# היימישע געגנטער

די נייע "קאמפרעהענסיוו זאונינג פלאן" וואס ווערט פארגעשטעלט דורך טאון באאמטע אין מאנראו, אנטהאלט געמישטע נייעס איבער די מעגליכקייטן פון בויען דירות צו אקאמאדירן די וואקסנדע פארלאנג אין קרית יואל ראיאן.

דער "פלאן" זאגט אז אין די קווארטאלן וואו מען וויל די מערסטע בויען פאר'ן היימישן ציבור, זאל די טאון ערלויבן מער דירות פער עיקער, און אין די אנדערע געגנטער פונעם טאון זאל די זאונינג ווערן שטרענגער. בסך הכל, זאגן באריכטן, וועט מען קענען בויען ארום זיבעצן הונדערט יוניטס אין די טאון, אנשטאט כמעט צוויי טויזנט לויט די יעצטיגע זאונינג. לויט די באריכטן, וועט דער "פלאן" צושטעלן די מערסטע בויגזאמע "זאונינג" אין די שטחים צו צפון-מערב קרית יואל, מערסטנס אין "סעווען ספרינגס" קווארטאל, אז אנשטאט בלויז איין יוניט פער 1 אדער גאר 3 עיקער, זאל מען קענען בויען 4 יוניטס פער עיקער, אויפ'ן באדינג אז מען האט שוין



אראנדזשירט סוער סערוויסעס אויפ'ן שטח.

קומענדיגן מאנטאג, יולי 10 למספ', וועט די טאון באורד אפהאלטן א פובליק הירינג צו דיסקוסירן די געפלאנטע זאונינג טוישן, און די באורד איז ערווארטעט צו שטימען דערויף אין אוגוסט.

*

ניו יארק סיטי איז טאקע זייער "ביוראקראטיש" ווען עס קומט צו בויען דירות, אבער עס איז קוים האלב אזוי געפערליך ווי שטעט אין קאליפארניע, כאטש עס שפילט א באדייטנדע ראלע אינעם מאנגעל פון פאסיגע דירות אין ברוקלין און אנדערע געגנטער פון שטאט.

א נייע שאצונג אויף בילדינג רעגולאציעס צייגט אז לאס אנדזשעלעס, סאן פראנציסקא, וואשינגטאן די. סי. און באסטאן האבן פיל מער שטרענגע פארשריפטן ביים בויען רעזידענשאל אדער קאמערשל פראיעקטן ווי ניו יארק סיטי.

*

די אראנדזש קאונטי לעגיסלאטור וועט אפהאלטן פובליק הירינגען אוגוסט 15 און 16 איבער די נייע "טאון אוו (נארט מאנראו) פאלם טרי" וואס וועט לויט די יעצטיגע אנטוויקלונגען אנטהאלטן ווילעדזש אוו קרית יואל מיט נאך ארום 220 עיקער, און מעגליך שטימען דערויף אנהויב סעפטעמבער עס זאל קענען זיין א רעפערענדום פאר די ווילער נאוו. 7.

פונקטליכע איינצלהייטן איבער'ן אפמאך צו געווינען די נויטיגע שטיצע פאר'ן טאון זענען נאך נישט פארעפנטליכט, ווייל די פארהאנדלונגען גייען ווייטער אן. ■




W Financial is a Manhattan-based commercial real estate bridge lender specializing in time-sensitive, mission-critical loans. When circumstances are unusual or time is short, we provide rapid, reliable access to the capital you need to get your deal *done*.

**w-financial.com | 212.684.2283**

W | FINANCIAL

$190 א סקוועער פיס



NEW LISTING

2 Merriewold Lane S.

3 beds | 2 baths | 1,736 sqft |

$329,900

$199 א סקוועער פיס



ACCEPTED OFFER

310 Lake Shore Dr.

4 beds | 2 baths

$299,900

$201 א סקוועער פיס



327 Lake Shore Drive

3 Bdrm | 2 baths | 1,433 sqft

$289,000

$123 א סקוועער פיס



HOT DEAL

94 Duelk Ave.

5 beds | 3 baths | 2,830 sqft

$349,000

$180 א סקוועער פיס



LAKE VIEW

24 Merriewold Ln. N.

3 Bdrm | 2 baths | 2,026 sqft

$365,000

$145 א סקוועער פיס



IN CONTRACT

322 Lake Shore Drive

4 Bdrm | 2 baths | 2,092 sqft

$305,000

$151 א סקוועער פיס



IN CONTRACT

387 Lake Shore

3 Bdrm | 2 baths | 1,914 sqft

$290,000

$174 א סקוועער פיס



NEW LISTING

307 Lake Shore Dr.

4 Bdrm | 2 baths | 1,717 sqft

$299,000



אכטונג אינגערלייט!

כאפט אריין עס איז נאכנישט צו שפעט פאר

עפארדעבל הייזער

אין די נייע לעיק שאר געגנט עפארדעבל

as low as $125 per sqft.




United Hudson
Realty LLC

845-590-0690
845-774-7279

check out more deals at
www.UnitedHudsonRealty.com

MLS

מיר האבן די ביליגסטע פרייזן פער סקוועער פיס

adup 845.774.2387

# ליינערס ענטפערן:

# ווען העכערע מארטגעדזש ראטעס אפעקטירן דאס קויפן א נייע הויז?



די "פעדעראל רעזערוו" האט נאכאמאל געהויבן די נאציאנאלע פראצענט ראטעס צום דריטן מאל אין א יאר צענדליג. די העכערונג איז געווען בלויז א פערטל פראצענט, אבער האט געהאט א פיל גרעסערע אפקלאנג ווי בלויז 25 הונדערטסטלעך פון א פראצענט קענען האבן - איבערהויפט מיט'ן ארויסשטעלן קלארע סיגנאלן אז מען האט געהויבן די ראטעס שנעלער ווי געמיינט בלויז א קורצע צייט, און אז נאך ווייניגסטנס צוויי ראטע העכערונגען זענען שוין "דע פאקטא" איינגעמאלדן פאר די קומענדיגע מאנאטן ביז דעצעמבער.

די "פעד" ראטע העכערונג טוט נישט דירעקט אפעקטירן מארטגעדזש ראטעס, און קען צומאל גיין אפילו אין פארקערטן ריכטונג. מען האט שוין געזען אפטמאל ווי נאציאנאלע ראטעס גייען ארויף, און מארטגעדזש פרייזן גייען נישט מיט, אדער פאלן גאר אביסל נידעריגערס. ווען די "פעד" הייבט אדער שניידט אינטערעסט ראטעס, האט עס א באלדיגע אפעקט אויף "קאנסומער קרעדיט" ווי קרעדיט קארדס, קאר לאונס, און פארקערט אויף אינטערעסט באצאלונגען פאר סעווינגס אקאונטיס, סי. די'ס, או"וו. אבער מארטגעדזש ראטעס גייען לויט די אינטערעסט ראטע אויף לאנג-טערמיניגע באנדס, און יענע ראטעס גייען לויט די סענטימענטן פונעם מארקעט, נישט אויפ'ן באפעל פון די פעדעראל רעזערוו.

אבער אין יעצטיגן פאל, זענען די פאקטארן אייניג ביי ביידע סארט פראצענט ראטעס - ביי די "פעדס" אויף קאנסומער קרעדיט, און ביי די באנד מארקעט אויף מארטגעדזשעס - מיט די הויפט פאקטארן: די שטארקע עקאנאמיע, דזשאבס מארקעט, מאנגעל אין רעזידענשאל יוניטס דורכאויס אמעריקע.

אין קורצן, די אלע קאמבינירטע סצענעס וואס האבן געטריבן די פעדעראל רעזערוו צו הייבן די נאציאנאלע פראצענט ראטעס, זענען אויך די זעלבע פאזיטיווע פאקטארן וואס טרייבן אונטער די מארטגעדזש ראטעס צו גיין העכער און העכער.

די פראגע איז, וואס טוען מענטשן וואס זוכן צו קויפן א נייע הויז - וויפיל מאכט אויס די מארטגעדזש ראטע ביים באשלוסן צי קויפן אדער נישט? לויט ווי "דער בית" הערט פון צענדליגער חשובע ליינער שיחיו, וואס האבן זיך געלאזט הערן איבער די "פראגע פון די וואך," איז דער דיפערענץ אין ראטעס נאך בכלל נישט אויף אזא שטאפל אז דאס זאל אויסמאכן צי מען גייט יא אדער נישט קויפן.

די ראטעס אויף 30 יאר מארטגעדזשעס האלטן יעצט ביי ארום 3.9-3.8 פראצענט (אין דורכשניט. די ראטע אויף "למעשה" איז געווען אין פילע איינצלהייטן פונעם הויז, דאון פעימענט, געגנט, קרעדיט, וועלכע סארט מארטגעדזש, או"וו.) מען האט שוין געהערט לעצטנס פון קלאוזינגס אויף מארטגעדזש היבש העכער 4 פראצענט, אויף 95% מארטגעדזש מיט בלויז 5 פראצענט "דאון פעימענט." דאס איז גאנץ א הויכע ראטע, אבער אין אויסטויש קומט מען אפ מיט ווייניגער "פי. עם. איי." אינשורענס.

פינאנציעל גערעדט קומט אויס, אז מיט די העכערע ראטעס גייט ארויף די פראצענט מאנאטליכע אינקאם פאר האוזינג קאסטן - מיט ווייניגער ווי א פראצענט. דאס איז א היבש קליינע פאקטאר, זאגט א מארטגעדזש אינדוסטריע אנקעטע.

עטליכע באריכטן געבן אן אז מער יונגערע פאמיליעס זוכן צו באקומען FHA מארטגעדזשעס צוליב בעסערע באדינגען, און אז געוויסע מיטעלע פארדינער האבן אביסל נאכגעלאזט די שטאפל ברייטקייט און באקוועמליכקייט וואס זיי זוכן אין א נייע הויז, צו אקאמאדירן די העכערע מארטגעדזש צאלונגען. אבער בסך הכל זעהט נישט אויס, דערווייל, ווי די העכערונגען אין מארטגעדזש ראטעס זאלן אפעקטירן די מארקעט פון נייע דירות. ■


# "דער בית"

## פראגע פון די וואך

8

די מערסטע געניצטע ווארט אין אייער ריעל עסטעיט אפיס?

1) קעפ-רעיט 2) קעש-פלאו 3) אינפרא-סטרוקטור

ענטפערס ווערן אנגענומען ביז זונטאג פר' פנחס

info@derbayis.com



# Attention

## Electrical/Lighting Suppliers

Can'd find that rare bulb?

Special LED order shortage?

Unique order fulfillment?

Call us. We'll find it for you.

**Prime Bulb Sourcing**

primebulbsourcing@gmail.com

* B2B only *

איינמאליגע געלעגנהייט:
# א הויז מיט עכט הרחבת הדעת!




ITS NOT A DREAM ANY LONGER, COME AND SEE FOR YOURSELF!

DART MEDIA 845.782.6558

WOODBURY VILLAS

# אייער פריוואטע מלוכה

איבער 75 גליקליכע משפחות האלטן זיך שוין ביים אריינציען!

LEIBY HUSS PRESENTS:

**NEW OFFICE IN BROOKLYN!**

צו באזוכן אונזער נייער לאקאל אין וויליאמסבורג רופט:

718.412.9007

LEIBY HUSS
PHONE 718.412.9007
EMAIL sales@woodburyvillasny.com

MK REALTY Residential & Commercial

EQUAL HOUSING OPPORTUNITY

# אלבאני'ס "דאון פעימענט" אקאונט

## סטעיט סענאט און אסעמבלי באשטעטיגן "האום סעווינגס אקאונט" - אויפ'ן וועג צו גאווערנאר קואמא'ס טיש - פינאנץ אינדוסטרי'ס נייע טעכניקן צו העלפן דעקן "דאון פעימענט"

פאָרזעצונג פון זייט 1

פירמע "יוניסאן האום אונערשיפ אינוועסטארס" איז אויפגעקומען מיט'ן געדאנק צו אינוועסטירן אין "דאון פעימענטס" דורך א "50-50 מעטש" און נאכדעם ביים פארקויפן באקומען די אינוועסטארס 35% פונעם פראפיט אויפ'ן העכערן פרייז אדער 35% פונעם פארלוסט אויב די פרייז איז געפאלן. די קאמפאני שטעלט שוין צו די סערוויס אין 12 סטעיטס, אויך ניו יארק, אבער נישט אין אלע געגנטער. למשל איינער וויל קויפן א הויז אבער האט נאר 10% דאון אנשטאט די פארלאנגטע 20%. די קאמפאני שטעלט צו די אנדערע 10%, און אזוי האט מען גאנצע 20% דאון פעימענט, און ביים פארקויפן פאררעכנט מען זיך אויפ'ן חשבון.

בענק האבן נישט קיין פראבלעם דערמיט. פונקט פארקערט. איין מארטגעדזש באנק, "און האום פיינענס" גיט ארויס א נייע סארט מארטגעדזש וואס איז געבויט אויף די וואוקס (אדער רעדוקציע) פונעם "דאון פעימענט" ווערד וואס מען האט אראפגעלייגט ביים קויפן.

וויניגסטנס נאך 3-2 פירמעס ארבייטן אויף די זעלבע וועג פון העלפן פינאנצירן "דאון פעימענט" געלטער און פארדינען דערויף ווען דער אייגענטומער פארקויפט די הויז.

עס איז אויך מעגליך, טעארעטיש, צו מאכן דעם זעלבן געשעפט דירעקט מיט לאקאלע אינוועסטארס, אבער מען דארף האבן גאר ברייטע פלייצעס צו קענען איינשטעקן אזעלכע גרויסע געלטער וואס פארלאנגט זיך ביי דאון פעימענטס, בלויז צו געניסן פון די מעגליכע פירות יארן שפעטער ווען די הויז ווערט פארקויפט.

### עספינאל'ס 100 אלפים... שטיל

א גאר דראמאטישע פלאן צו העלפן מענטשן מיט דאון פעימענטס איז געקומען דעם ווינטער פון "ניי וויליאמסבורג" קאונסילמאן ראפאעל עספינאל, מיט א רוף אז די שטאטישע הילף פראגראם פאר דאון פעימענט און קלאוזינג קאסטן זאל אנהויבן ארויסצוגעבן לאונס ביז אזויפיל ווי $100,000.

עספינאל זאגט אז מיט די פרייזן פון נייע דירות אין ברוקלין האלטנדיג ביי ארום 700 טויזנט דאלאר און ארויף, איז די איצטיגע מאקסימום הילף סומע פון $15,000 ממש ווי גארנישט און ס'איז געקומען די צייט עס צו הייבן ביז הונדערט אלפים, אדער וויינציגסטנס ביז 65 טויזנט דאלאר וואס געוויסע נאן-פראפיט ארגאניזאציעס געבן ארויס פאר מיטעלע פארדינער וואס זוכן צו קויפן אן אייגענע דירה.

דער רוף פון עספינאל האט דערווייל נישט באקומען קיין ערנסטע רעאקציע, אבער אין קענטליך די זעלבע צייט האט די "עיטש. פי. די." שטאטישע האוזינג אגענטור געמאלדן, אז היים אייגענטומער וואס פארפ-ליכטן זיך ארויסצודינגען זייער אפארטמענט פאר "עפארדעבל רענט" פרייזן, וועלן אנגעהויבן פון די נאנטע וואכן קענען באקומען א "קלאוזינג" גרענט פון אזויפיל ווי ביז 25 טויזנט דאלאר, אנשטאט די יעצטיגע 15 אלפים וואס מ'קען באקומען.

### אלבאני'ס "דאון פעימענט" אקאונט

צוריק קיין אלבאני, באשטייט דער פראגראם - אויב קואמא שרייבט עס אונטער - פון ספעציעלע סעווינגס אקאונטס, ווי מענטשן קענען ארייגלייגן ביז $5,000 א יאר (פארפעלקער ביז $10,000), געווידמעט צו העלפן קויפן א הויז צום ערשטן מאל.

די געלט וואס גייט אריין איז "טעקס דידאקטעבל" פון די יערליכע פארדינסטן, און עס וואקסט אין די אקאונט אן שטייערן. טעכניש איז דער געדאנק נישט אנדערש ווי די "529" סעווינגס אקאונט פאר ערציאונג, און די נייערע "עיבל סעווינגס אקאונט" פאר קינדער און ערוואקסענע מיט דיסעביליטיס צו קענען באקומען SSI און מעדיקעיד אפילו מיט גרויסע אפגעשפארטע געלטער.

די גרעסטע ריעל עסטעיט פאראיין אין ניו יארק האט א גאנצן ווינטער און פרילינג געפירט א שטארקע קאמפיין פאר'ן "היים סעווינגס אקאונט," מיט טעגליכע אנאנסן צו לייגן דרוק אויף די פאליטיקאנטן אין אלבאני, און ווי מ'זעהט איצט האט דער קאמפיין געברענגט רעזולטאטן.

ניו יארק סטעיט איז נישט קיין פלאץ וואו עס קויפט זיך גרינג אן אייגענע הייזקע. א פרישע שטודיע איבער וועלכע סטעיטס זענען די בעסטע אדער ערגסטע צו קויפן א דירה צום ערשטן מאל, קומט ניו יארק סטעיט אויס פון די לעצטע פינעף - צוזאמען מיט קאליפארניע, האווייאי, מיסיסיפי און לואיזיאנא. די בעסטע פלאץ צו קויפן א נייע הויז, פינאנציעל גערעדט, איז אייאווע, און נאכדעם קומען יוטא, מינעסאוטע, קענסעס און מיזורי.

ווי נאר דער גאווערנאר שרייבט אונטער [אדער וועטאאירט] דעם געזעץ, איז ערווארטעט מער איינצלהייטן פון סטעיט באאמטע איבער די פאזיטיווע געזעץ צו העלפן מיט דאון פעימענט. אבער אזויפיל איז קלאר, אז דער סטעיט קאמפטראלער וועט האבן שטארקע קאנטראל אויף די אקאונטס, צו פארזיכערן אז מ'נעמט עס נאר ארויס צו קויפן א הויז צום ערשטן מאל, און אז דאס וועט זיין די פריימערי רעזידענץ פאר וויניגסטנס 2 יאר. ■

Tatra Capital
QUICK LOANS!

We get you approved for funding
UP TO $400,000
same day approval
0% APR BETWEEN 12-21 MONTHS
Many references available
WE ALSO DO REGULAR BUSINESS LOANS
Please contact Berel
Tatracapitalny@gmail.com
845.288.0095

"סעילסמאן"
פאזיציע עווייַלעבל
‹ זעלטענע געלעגנהייט
‹ הויכע "קאמישאן" ראטע
‹ פלעקסיבל ארבייט שטונדן
‹ גוטע געלעגנהייט צו וואקסן
845-827-5330
info@derbayis.com

בס"ד

Light up your Yom Tov!

ספעציעל לייכט אויפן מאגן
געשמאק און געזונט פארן הארץ
אויך געאייגענט פאר קידוש און הבדלה
לכבוד שבת ויו"ט

LESS THAN
HALF THE CARBS
FULL OF FLAVOR

UP TO 2/3 LESS CALORIES, CARBS & SUGAR THAN REGULAR GRAPE JUICE




KEDEM®

בהשגחת הרה"ג מצעהלים שליט"א

ROYAL WINE CORPORATION, BAYONNE, NJ


בס"ד
ATTENTION
STORE
OWNERS!
NOW IS YOUR CHANCE TO BOOST YOUR BUSINESS!
Rent out your space to the convenience of
the over 5000 KJ Residence
in the upcoming
50,000 Sq. ft.
Mall-style center
SHOPPERS PLAZA
at the KJ Business Center
52 Bakertown Road
אין קרית יואל יצ"ו
Located near the new development of the thousands upcoming residence. In addition to the existing few thousand neighboring ones
OVER 65% IS RENTED OUT
FOR MORE INFORMATION OR TO REQUEST AN APPLICATION, CALL:
845-782-7680
kjnewbc@gmail.com

# סדר אמירת תהלים בכל יום לכל ימות השנה תשע"ז לפ"ק

## בקשה לבעל תפילה

נא ונא שלא לעזוב התיבה עד לאחר אמירת חמשה מזמורי תהלים הקבועים דבר יום ביומו, כמנהג הקדמונים מדור דור

**וזכות הרבים יהיה תלוי בך**

| | א | ב | ג | ד | ה | ו |
|---|---|---|---|---|---|---|
| וילך | ו' | א' ר"ה תשע"ז | ב' ר"ה תשע"ז | י"א | ט"ז | כ"א |
| האזינו | כ"ו | ל"א | ל"ו | יו"כ | מ"א | מ"ו |
| ברכה | נ"א | א' סוכות | ב' סוכות | נ"ו | ס"א | ס"ו |
| בראשית | הושענא רבה | שמיני עצרת | שמחת תורה | ע"א | ע"ו | פ"א |
| נח | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א |
| לך | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א |
| וירא | קמ"ו | א' | ו' | י"א | ט"ז | כ"א |
| חיי | כ"ו | ל"א | ל"ו | מ"א | מ"ו | נ"א |
| תולדות | נ"ו | ס"א | ס"ו | ע"א | ע"ו | פ"א |
| ויצא | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א |
| וישלח | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א |
| וישב | קמ"ו | א' | ו' | י"א | ט"ז | כ"א |
| מקץ | כ"ו | ל"א | ל"ו | מ"א | מ"ו | נ"א |
| ויגש | נ"ו | ס"א | ס"ו | ע"א | ע"ו | פ"א |
| ויחי | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א |
| שמות | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א |
| וארא | קמ"ו | א' | ו' | י"א | ט"ז | כ"א |
| בא | כ"ו | ל"א | ל"ו | מ"א | מ"ו | נ"א |
| בשלח | נ"ו | ס"א | ס"ו | ע"א | ע"ו | פ"א |
| יתרו | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א |
| משפטים | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א |
| תרומה | קמ"ו | א' | ו' | י"א | ט"ז | כ"א |
| תצוה | כ"ו | ל"א | ל"ו | מ"א | מ"ו | נ"א |
| תשא | נ"ו | ס"א | ס"ו | ע"א | ע"ו | פ"א |
| ויק"פ | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א |
| ויקרא | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א |

| | א | ב | ג | ד | ה | ו |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צו | קמ"ו | א' | ו' | י"א | ט"ז | כ"א |
| שמיני(א) | כ"ו | ל"א | א' פסח | ב' פסח | ל"ו | מ"א |
| שמיני(ב) | מ"ו | שביעי פסח | אחרון פסח | נ"א | נ"ו | ס"א |
| תז"מ | ס"ו | ע"א | ע"ו | פ"א | פ"ו | צ"א |
| אח"ק | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א | קט"ז | קכ"א |
| אמור | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א | קמ"ו | א' |
| בה"ב | ו' | י"א | ט"ז | כ"א | כ"ו | ל"א |
| במדבר | ל"ו | מ"א | מ"ו | נ"א | נ"ו | ס"א |
| נשא | ס"ו | ע"א | ע"ו | א' שבועות | ב' שבועות | פ"א |
| בהעלותך | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א |
| שלח | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א |
| קרח | קמ"ו | א' | ו' | י"א | ט"ז | כ"א |
| חקת | כ"ו | ל"א | ל"ו | מ"א | מ"ו | נ"א |
| בלק | נ"ו | ס"א | ס"ו | ע"א | ע"ו | פ"א |
| פנחס | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א |
| מו"מ | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א |
| דברים | קמ"ו | א' | ו' | י"א | ט"ז | כ"א |
| ואתחנן | כ"ו | ל"א | ל"ו | מ"א | מ"ו | נ"א |
| עקב | נ"ו | ס"א | ס"ו | ע"א | ע"ו | פ"א |
| ראה | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | ק"ו | קי"א |
| שופטים | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א | קל"ו | קמ"א |
| תצא | קמ"ו | א' | ו' | י"א | ט"ז | כ"א |
| תבא | כ"ו | ל"א | ל"ו | מ"א | מ"ו | נ"א |
| נצ"ו | נ"ו | ס"א | ס"ו | ע"א | ע"ו | פ"א |
| האזינו | פ"ו | צ"א | צ"ו | ק"א | א' ר"ה תשע"ח | ב' ר"ה תשע"ח |
| ברכה | ק"ו | קי"א | קט"ז | קכ"א | קכ"ו | קל"א |

בעסטע סגולה פאר געזונט, פרנסה, נחת, הצלחה בכל ענינים ברוחניות וגשמיות - נתפרסם לע"נ מרים ע"ה בת ר' אברהם נ"י

לע"נ אברהם יעקב בן אלחנן צבי הכהן ז"ל ולע"נ שמואל יצחק בן חיים ז"ל - ולע"נ לאה בת אברהם יעקב ע"ה - ולע"נ יצחק בנימין בן צבי ז"ל

**אפשר להשיג אצל: (718) 384-2190**

# טשעיס, באפעט, אפטימיסטיש

## גרעסטע באנק, אינוועסטאר, וועטן אויף נ.י. ריעל עסטעיט

פאָרזעצונג פון זייט 1

האט די פירמע א מערהייט פרענטשייז אפיסעס אונטער די "פרודענשאל" ריעל עסטעיט ברענד. אבער די קאמפאני האט באשלאסן אז ס'איז צייט צו אריינשפרינגען אין ניו יארק סיטי מארקעט, דוקא ווען אנדערע האבן געזאגט אז ס'איז שוין צו שפעט.

